נומער 51

ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו   א ר ד ע ר

**באשטימענדיג א ספעציעלער פראקורור צו אויספארשן, און אויב עס פעהלט אויס, צו ברענגען קלאגעס אין אנגעלעגנהייטן אין באציאונג צו די טויט פון אנא ווילסאן און די פארוואונדונג פון בריאנא דילאן אין א קאר עקסידענט אום מאי 11, 2024 אין סופאָלק קאונטי**

**אזוי ווי,** עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law) טייל 70-b גיבט פאר די אטורני דזשענעראל פון ניו יארק סטעיט די הויפט אויטאריטעט צו ברענגען קלאגעס קעגן פאליציי אפיצירן פאר פארלעצונגען וועלכע קומען ארויס פון סיי וועלכע אינצידענט אין וועלכע א פאליציי אפיציר האט פאראורזאכט די טויט פון א מענטש, און ווייטער, גיבט דער געזעץ די אויטאריטעט פאר די אטורני דזשענעראל צו ברענגען קלאגעס קעגן מענטשן פאר סיי וועלכע קרימינאלע אויפפירונג קומענדיג פון אזא אינצידענט; און

**אזוי ווי,** די אטורני דזשענעראל האט פארגעשטעלט פאר מיר אז דאס ארויסגעבן די עקזעקיוטיוו ארדער וועט ארויסהעלפן ערגרייכן די ציהלן פון עקזעקיוטיוו געזעץ טייל 70-b;

**יעצט, דערפאר, טו איך, KATHY HOCHUL (קעטי האקול),** גאווערנער פון די סטעיט אָוו ניו יארק, מיט די כוח פון די אויטאריטעט וואס איז געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע און געזעצן פון די סטעיט אָוו ניו יארק און באזונדערס דורך אונטערשטע סעיף 2 פון טייל 63 פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט פארלאנגען פון די אטורני דזשענעראל (פון דא און ווייטער גערופן ספעציעלער פראקורור) צו אויספארשן די אויפפירונג פון-, און אויב עס פעהלט זיך אויס ברענגען באוויזן בעפאר א גרענד דזשורי און ברענגען קלאגעס פאר פארברעכנס באגאנגען דורך Kayla Lopez (קעילע לאָופעז), א ציווילע מענטש, אין פארבינדונג מיט די טויט פון Anna Wilson (אנא ווילסאן) און די פארוואונדונג פון Brianna Dillon (בריאנא דילאן), וועלכע זענען פארגעקומען אין א קאר עקסידענט אום מאי 11, 2024 אין סופאָלק קאונטי;

**ווייטער,** פאר סיי וועלכע אנגעלעגנהייט וואס איז געדעקט אונטער די עקזעקיוטיוו ארדער, וועט דער ספעציעלער פראקורור האבן די כוח און פליכטן וואס זענען פארגעשריבן אין אונטערשטע סעיף 2 פון טייל 63 פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ און וועט האבן און אויסנוצן אלע פראקורארישע אויטאריטעטן וואס זענען נויטיג צו אויספארשן און, אויב עס פעהלט זיך אויס, צו ברענגען קלאגעס פאר פארלעצונגען וועלכע קומען ארויס פון די אינצידענט. די אויטאריטעט פון דעם ספעציעלן פראקורור וועט קומען אנשטאט און העכער פון די אויטאריטעט פון די דיסטריקט אטורני פאר די קאונטי וואו די אינצידענט האט פאסירט, און דער לעצטער דיסטריקט אטורני וועט נאר האבן די כוח און פליכטן דעזיגנירט צו דער דיסטריקט אטורני דורך דעם ספעציעלן פראקורור, ווי פארגעשריבן אין אונטערשטע סעיף 2 פון טייל 63 פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ; און

**ווייטער,** פאר סיי וועלכע אנגעלעגנהייט געדעקט אונטער די עקזעקיוטיוו ארדער, וועט דער ספעציעלער פראקורור דורכפירן א פולשטענדיגע, לאגיש-קלארע און אומאפהענגיגע אויספארשונג, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע, זאמלען און אנאליזירן באווייזן, דורכפירן אינטערוויוס מיט עדים און איבערקוקן אויספארשונג באריכטן, וויסנשאפטליכע באריכטן און שטימע און ווידעאו רעקארדירונגען; און

**ווייטער,** פאר סיי וועלכע אנגעלעגנהייט געדעקט אונטער די עקזעקיוטיוו ארדער, וועט דער ספעציעלער פראקורור פערזענליך ערשיינען בעפאר א גרענד דזשורי אויסדערוועהלט פאר סיי וועלכע סעסיע פון די סופרים געריכט אין די קאונטי וואס האט די יוריסדיקציע אין דעם פאל פאר די צוועק פון דורכפירן סיי וועלכע און אלע געריכטליכע פראצעדורן, אויספרעגונג פון עדות און אויספארשונגען אין איינקלאנג מיט די ארדער און וועט זיך פערזענליך באטייליגן אין סיי וועלכע סעסיע פון די סופרים געריכט צו אפגעהאלטן ווערן אין- און פאר- די קאונטי וואס האט יוריסדיקציע אין דעם פאל צו ברענגען קלאגעס אויף סיי וועלכע פארלעצונגען אין איינקלאנג מיט די ארדער און צו דורכפירן דארט סיי וועלכע פארבינדענע געריכטליכע שריט און פראצעדורן; און

**ווייטער,** פאר סיי וועלכע אנגעלעגנהייט געדעקט אונטער די עקזעקיוטיוו ארדער, וועט דער ספעציעלער פראקורור פארעפנטליכן א באריכט אויב דער ספעציעלער פראקורור זאגט זיך אפ פון פארשטעלן באווייזן בעפאר א גרענד דזשורי אין באציאונג צו די דערמאנטע אינצידענט אדער אויב די גרענד דזשורי באשלוסט נישט צו טרעפן איינעם שולדיג אין פארבינדונג מיט די אינצידענט, מיט די באריכט אריינרעכענענדיג, ביז ווי ווייט געזעצליך ערלויבט, א סיכום פון די באווייזן און ערקלערונג פון די באשלוס.

דער עקזעקיוטיוו אָרדער זאל אנהאלטן ווייטער ביז געענדערט, סוספענדירט, אדער טערמינירט דורכ'ן גאווערנער.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און אונטער
דעם אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין די
סיטי אָוו אלבאני, אום דעם 8'טן טאג פון
אוגוסט אין דעם יאר צוויי טויזנט פינף און
צוואנציג.

דורך די גאווערנער

סעקרעטאר פאר די גאווערנער